פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 9

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 214 | Łódź, Poniedziałek 14 września 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג כ"ט אלול תרצ"א | № 214

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מוראדיגע באהן-קאטאסטראפע הינטער בודאפעשט

## 35 טויטע, 40 פערוואונדעטע פון דעם אטענטאט

בודאפעשט, 13 (ספ. טעל.) 12 א זייגער ביינאכט איז 13 קילאמעטער הינטער בודאפעשט פארגעקומען א באמבען-אטענטאט אויף דעם שנעל-צוג, וואס איז געגאנגען פון וויען קיין בודאפעשט.

עס זענען אונטערגעלייגט געווארען אונטער די שינעס עטליכע באמבעס.

דאס איז געשעהן לעבען דער סטאציע פישטארבאגי.

דער אויפרייס איז געווען א געוואלדיגער. גראד ליגט די באהן-ליניע אויף א הויך פון עטליכע מעטער.

דער צוג איז אויפגעשפרונגען אין דער לופט. דער לאקאמאטיוו האט זיך אפגעריסען, אראבגעקייקעלט זיך אין א תהום פון 28 מעטער די טיף און נאך איהם — עטליכע וואגאנעס מיט פאסאזשירען.

עס האבען זיך געהערט הארצרייסענדע געשרייען.

קיין רעטונג האט נישט געקאנט זיין, ווייל ס'איז געווען שפעט ביינאכט. דער ערשטער סך הכל פון דער קאטאסטראפע איז 35 טויטע און 40 פערוואונדעטע.

לכתחילה האט קיינער פון דער קאטאסטראפע נישט געוואוסט.

די ידיעה איז אנגעקומען קיין בודאפעשט אין עטליכע שעה ארום. עס איז ארויסגעשיקט געווארען אויפ'ן ארט א ספעציעלער צוג מיט פאליציי און זשאנדארמען. אויפ'ן וועג האט מען געטראפען גיין עפיס א פערדעכטיגען מענשען, וועלכער איז ארעסטירט געווארען.

עס ווייזט זיך ארויס, אז ער איז אנ'אינזשיניער. ער האט נישט געקאנט געבען קיין אויפקלערונג, וואס ער האט געטון אזוי שפעט אויף דער באהן-ליניע.

עס זענען אַרעסטירט געווארען נאך עטליכע פערזאנען, און צווישען זיי א סטודענט פעטער בוכהאלק.

די ווייטערדיגע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דער אויפרייס-מאטעריאל איז געווען פון א געוואלדיגער קראפט און שטאמט פון דייטשער אויסארבייטונג.

די אונגארישע פאליציי האלט, אז דעם אטענטאט זאל האבען אויסגעפיהרט אנ'אינטערנאציאנאלע קאמוניסטישע טעראר-באנדע.

אין דעם צוג זענען געפאהרען זעהר א סך אויסלענדער, און עס האבען זיך געהערט הילפסרופען אין ענגליש, פראנצויזיש, דייטש, איטאליעניש און ענגליש.

מען ווייסט שוין, אז צווישען די דער'הרג'עטע געפינט זיך דער שעף פון דעם בעלגישען לופט-פלאט און זיין פרוי.

דער צוג איז געווען אנ'עקספרעס-צוג, וואס איז געגאנגען בודאפעשט — וויען — קעלן.

נעבען ארט פון דער קאטאסטראפע האט מען געפונען א צעטעל מיט אנ'אויפשריפט: „אויב די קאפיטאליסטישע ארדנונג וועט אונז נישט געבען קיין ארבייט, וועלען מיר זיך אליין נעמען".

---

## בעקאנטע פוילישע ליטעראטען און פובליציסטען

### ארעסטירט פאר קאמוניסטישער טעטיגקייט

וואַרשאַ, 13. (טעלעפאניש). פרייטאג אין אָוונט האט די פאליטישע פאליציי אין ווארשא דורכגעפיהרט א רעוויזיע אין דער וואוינונג פון איזאַק לעוו אויף זשעלאַזנע גאַס 23, אין דער וואוינונג האבען זיך בשעת מעשה געפונען די ליטעראַטען און פובליציסטען יאַן העמפעל, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, אַלעקסאַנדער וואַט, עדוואַרד יאַנוס, משה באָוואָגראָדזקי און דער אייגענטימער פון דער וואוינונג לעוו.

אַלע דערמאַנטע פּערזאָנען זענען פון לאַנג געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי אַלס פערדעכטיגטע אין פיהרען אַ קאָמוניסטישע טעטיגקייט. בעת דער רעוויזיע ווי עס בעהויפטען די געהעריגע אינסטאַנצען זענען געפונען געוואָרען פיל מאַטעריאַלען, וואָס בעווייזען, אַז דאָס איז געווען דער רעדאַקציאָנס-קאָמיטעט ביים צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילען.

אַלע, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער וואוינונג זענען אַרעסטירט געוואָרען.

העמפעל איז אַ בעקאַנטער פּוילישער ראַדיקאַלער פּובליציסט, ער האָט בשעתו קאַנדידירט פון דער ליסטע „פון פערבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף צום סיים". איז שוין עטליכע מאָל געווען אַרעסטירט און געזעסען אין טורמע, וואָס און בראָניעווסקי זענען בעקאַנטע פּוילישע דיכטער, באָוואָגראָדזקי איז שוין אָפּגעזעסען אַ שטראָף פון פינף יאָהר טורמע.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 73 יאהר אונזער ליבע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, אורגרויסמוטער און שוועסטער

נ. ע.

# הענע וואלף

## אשת המנוח אהרן פייטעל ז"ל

### (פון דער היים גוטמאן) בירגעריז פון דער שטאט לאדז

די לויה קומט פאר היינט מאנטאג, דעם 14-טען סעפטעמבער 1931 (ג' תשרי תרצ"ב) 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 115, וועגען וואס עס טיילען מיט איז גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

